בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִידִישׁ

תשפ"ו

446

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## באראַ פּאַרק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראָוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַארְוָואס שְׁפִּיר אִיךְ נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין הִתְבּוֹדְדוּת?..................א
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְן יֵצֶר הָרָע?..................ב
וִוי אַזוֹי הֵיילְט מֶען אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט?..................ו
וָואס טוּט מֶען מִיט אַ חוּצְפָּה'דִיגְן קִינְד?..................ח
וֶועלְכֶע חֲלָקִים פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל זָאל אִיךְ לֶערְנֶען?..................ט
אָנְטוּן וֵוייסֶע זָאקְן וֶוען מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט דֶערְמִיט?..................יא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אָוֶועקְגֶעגֶעבְּן דִי הָאר פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן..................א
דִי פִּישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן..................ב
פִּירְט אַזוֹי שֵׁיין דִי שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם..................ג
מֶען קֶען זַיין אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה פוּנֶדעְרוַוייטְנְס..................ד
עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע חַבֶר'טֶעס..................ה
הָאבּ אִיךְ אֱמוּנָה?..................ו
נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל זַיין..................ח
אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד..................ט
ווִילְסְט נִישְׁט צוּרִיק נֶעמֶען דִי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער?..................י
נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע דִירָה..................י

גֵיי נָאךְ גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן רֶענְט אוּן שְׂכַר לִימוּד ............................. יא

סִיוּם הַשַּׁ"ס צוּם צְוֵוייטְן מָאל ........................................ יב

אַ בַּאנְדִיט, מִיט אַ קְלֵייד פוּן אַ פָּרוּשׁ .................................. יב

נֶעמֶען קִינְדֶער קַיין אוּמַאן, נָאכְן בַּאצָאלְן חוֹבוֹת ......................... יג

צְוֵויי גוּטֶע קַבָּלוֹת צוּם נֵייעֶם יָאר ..................................... יד

שְׁלָאגְן קִינְדֶער הֶעלְפְּט גָארְנִישְׁט פַאר חִינוּךְ .............................. יד

גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אוּן מְחַזֵק זַיין פְרוּיעֶן .................................. טז

זִיךְ אוּיסְלֶערְנֶען דִי שְׁפְּרַאךְ צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ ........................ טז

דִי אִיז יָא אַ גוּטֶע מַאמֶע ............................................. יז

יֶעדֶע מֵיידְל זָאל הָאבְּן אַ פְּלַאץ צוּ שַׁיינֶען אוּן זַיין מֶעכְטִיג .................... יח

הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ...................................... יח

מֶען רֶעדְט אוּיף יֶענֶעם, אוּן מֶען פַּסְקְ'נְט אוּיף זִיךְ אַלֵיין ....................... כא

דִי לֶעצְטֶע הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ........................ כב

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע ............................... כג

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער ..................................... כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס שְׁפִּיר אִיךְ נִישְׁט קֵיין טַעַם אִין הִתְבּוֹדְדוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אִיךְ פִּיל אָבֶער נִישְׁט קֵיין טַעַם, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מֶען פִּילְט אַ טַעַם אָבֶער אִיךְ פִּיל נִישְׁט קֵיין טַעַם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי קֶען עֶס זַיין, אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מֶען מִיר עֶס פַּארְעֶנְטְפֶערְן וֶועל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַלֶעמֶען, אִין אָנְהֵייבּ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ דִי זִיסְקֵייט פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַ זִיסְקֵייט אִין דַאוֶוענֶען אוּן אִין לֶערְנֶען; אִין אָנְהֵייבּ דַארְף מֶען אַסַאךְ טוּן אָן גֶעפִיל, אוּן מִיט דִי צַייט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט, בִּיז מֶען ווִיל שׁוֹין גָארְנִישְׁט; מֶען ווִיל נָאר נָאךְ אוּן נָאךְ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

אַזוֹי אִיז בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן אַזוֹי אִיז בַּיים לֶערְנֶען, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם. קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד. ״וְסִפֵּר

שֶׁכָּל לִמּוּדוֹ בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה", דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת. "וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן", נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, אוֹת ח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְן יֵצֶר הָרַע?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל הִתְחַזְּקוּת אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה, יֶעדְן טָאג אִיז בַּיי מִיר אַ פְּרִישֶׁע מִלְחָמָה אִיבֶּער דֶעם, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ בִּין נָאר פוּפְצְן יָאר אַלְט, אִיךְ וֵויס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס מַאכְן, אָבֶּער בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע זֶע אִיךְ נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן פַאר אַמְוֵוייניגְסְטְנְס דְרַיי יָאר אַרוּם, אוּן דֶער גֶעדַאנְק אַז אִיךְ גֵיי זִיךְ דַארְפְן וַוייטֶער שְׁלָאגְן הֶענְט אוּן פִיס מִיטְן יֵצֶר הָרַע

פַּאר נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע צַייט, טָאג אֵיין טָאג אוֹיס - מַאכְט מִיךְ שְׁפִּירְן גָאר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעמִישְׁט.

אָן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַזוֹי סַאךְ הִתְרַחֲקוּת אָן קֵיין שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר דִי חִיזוּק שִׁיעוּרִים, אוּן אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ בֶּעטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל רֶעדְן מֶער פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה בַּיי דִי שִׁיעוּרִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ וויסְן אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט וָואס טוּט זִיךְ אִין הַארְץ, עֶר זֶעט דַיין שְׁוֶועֶרֶע מִלְחָמָה; וִוי דוּ שְׁלָאגְסְט זִיךְ פַּאר דַיין לֶעבְּן נִישְׁט צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן אִין עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אַז עֶכְט ווילְסְטוּ זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דִי בַּאהַאלְטֶענֶע ווילְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי עֶכְט וויל מֶען זַיין גוּט, אוּן דָאס בֶּעטְן מִיר בַּיי תִּיקּוּן חֲצוֹת: "'אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם, וְתַעֲלוּמוֹת סִתְרֵי כָּל חָי, אַתָּה חוֹפֵשׂ כָּל חַדְרֵי בָטֶן, רוֹאֶה כְלָיוֹת וָלֵב, אֵין דָּבָר נֶעְלָם מִמֶּךָּ, וְאֵין נִסְתָּר מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ זֶעסְט דָאךְ מַיין הַארְץ וִוי שְׁטַארְק אִיךְ וויל זַיין גוּט, בֶּעט אִיךְ דִיר, יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וְכוּ'".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר לָאז זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם שָׂטָן; גֶעדֶענְק, דִי עִיקַר מִלְחָמָה אִיז דָאס 'נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן'; וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע וויל נָאר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן, עֶר וויל דִיךְ מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אַ פַארְפַאלֶענֶער, אוּן נָאר צוּלִיבּ דֶעם וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, צוּ קֶענֶען אוֹיפְוַוייזְן אַז מֶען אִיז דֶערְנָאךְ אוּן דֶער

מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן זַיין גוּט, אָבֶּער גֶעדֶענְק, דֶער רֶבִּי שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן דִי טוּמְאָה אוּן שְׁרֵייט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עח): "גְּיְוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵיאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!" אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעפַאלְן - קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִין וָואס דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק - אִיז הִתְבּוֹדְדוּת; רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַ זוּמְפּ אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס, אִיךְ פַאל אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט אִין דִי עֲבֵירָה, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען פוּן דֶעם, אִיךְ וֶוער פְּלוּצְלוּנְג מְשׁוּגָע, אִיךְ פַארְלִיר מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין דִי פְּגַם, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי בְּלָאטֶע", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת.

לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, טְרַאכְט נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט דִיר אַיין, אַז פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קֵיין תְּשׁוּבָה; עֶנְדֶערְשׁ הֶער אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט דִיר: "דוּ וֶועסְט נָאךְ זַיין אַ צַדִיק, דוּ קֶענְסְט נָאךְ פַארְרֶעכְטְן; טוּ תְּשׁוּבָה אוּן קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער גְלֵייב אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כב), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אֲפִילוּ הִגְדִיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ, וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וַאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה - הָאבּ אִיךְ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעְלָה, וְיַחֲזוֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָם", אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן הָאט אִים לִיבּ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא בְּדֶרֶךְ גִּירְסָא, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל.): "בָּנַי", מַיינֶע קִינְדֶער, "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "בָּרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אִיךְ הָאבּ אָבֶּער בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה, וָואס אִיז אַ רְפוּאָה פַאר'ן יֵצֶר הָרָע, "וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה, אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר תּוֹרָה וֶועט אִיר נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע'ס הֶענְט, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה, אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוּן אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה וֶועט אִיר זַיין אוּנְטֶער אִים.

אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין - זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוער עֶס פַאלְט אִין דִי עֲבֵירָה פַארְלִירְט דִי רִיכּוּז, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט קָאנְצֶענְטְרִירְן, מֶען פַאלְט אַרוֹיס פוּן פַארְשְׁטֵיין אַ סוּגְיָא וְכוּ', אוּן צוּ דִי אַלֶע קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועג פוּן קֶענֶען צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי מוֹחִין, דוּרְךְ אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, אוּן אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען דִי מוֹחִין, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוּן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל אוּנְז אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם ל:): "אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה", אוֹיבּ דֶער מְנוּוָל, דֶער יֵצֶר הָרָע - הָאט דִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן אוּן דוּ וִוילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים, "מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ", גֵיי אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען; וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים.

עֶס אִיז עֶרֶב שַׁבָּת, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## ווי אַזוֹי הֵיילְט מֶען אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְרן מִיר עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן צוּ זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל מִיךְ נָאר מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג, עֶר ווִיל מִיר אַוֶועקְנֶעמֶען דִי שִׂמְחַת הַחַיִּים, עֶר מַאכְט אַז אִיךְ זָאל נָאר זֶען יֶעדֶע זַאךְ שְׁלֶעכְט, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן צוּ קֶענֶען זֶען דָאס גוּטְס אִין לֶעבְּן, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֱמֶת.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְן הַארְץ אוּן מַאכְט מִיר שְׁוֶוער אוֹיפְן הַארְץ טָאג טֶעגְלִיךְ. וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר וֵוינִיג לִיבְשַׁאפְט פוּן מַיין מַאמֶע, אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַז מַיין מַאמֶע זָאל מִיךְ טְרָאסְטְן, אַז מַיין מַאמֶע זָאל הַאלְטְן עֶפֶּעס פוּן מִיר אָדֶער פוּן מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, עֶס אִיז כְּסֵדֶר גֶעוֶוען קְרִיטִיק אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן, אִיךְ הָאב כִּמְעַט קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יֶעצְט בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ מַאמֶע בָּרוּךְ ה', אוּן מַיין מַאן אִיז יָא אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעדֶענְק אִיךְ גוּט זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן יָא בַּאקוּמֶען לִיבְשַׁאפְט, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן אַז מֶען הַאלְט פוּן זֵיי אוּן אַז מֶען טְרָאסְט זֵיי; שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה לֶעבְּט אִין אַ גֶעזוּנְטֶע פְרֵיילִיכֶע גֶעשְׁמַאקֶע שְׁטוּב.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הַאלְט אִיךְ אָבֶּער אִין אֵיין צוּרִיק טְרַאכְטְן פוּן מַיין יוּגְנְט, אִיךְ בַּאקוּם נָאכְאַלְץ קְרִיטִיק פוּן מַיין מַאמֶע, אוּן אִיךְ הָאב זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע הַארְץ אוֹיף אִיר, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאב אִין זִיךְ אַסַאךְ אוּמְגֶענוּצְטֶע טַאלַאנְטְן, נָאר אַזוֹי ווִי מַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט גֶעוָוארְן אַלְס קִינְד, דֶערִיבֶּער הָאב אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע טַאלַאנְטְן; אִיךְ ווֵייס אוּן אִיךְ גְלֵייב אַז אַלֶעס אִיז בַּאשֶׁערְט פוּן הִימְל, אָבֶּער דִי שְׁוֶוערֶע וֵוייטָאג בְּלִיבְּט נָאכְאַלְץ אִין מַיין הַארְץ מִיט פוּלְסְטְן שְׁטַארְקֵייט.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן אָנְנֶעמֶען אַלֶעס בְּאַהֲבָה, נִישְׁט זַיין אַלְץ אָנְגֶעלֵייגְט מִיט וֵוייטָאג אִין הַארְץ? אוּן ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף מַיין צֶעשָׁאסֶענֶע אוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ וֶוען קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי זַאכְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳, מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט קֵיין לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ׳; עֶס קְלַאפְּט אוֹיס אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן אִינֶעם נֶפֶשׁ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי עֵצָה צוּ הֵיילְן דִי נֶפֶשׁ אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט - אִיז דוּרְךְ אֱמוּנָה, וִוי מֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה וֶוערְט דִי נֶפֶשׁ גֶעהֵיילְט, (דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן זִיךְ הֵיילְן בַּיי טֶערָאפִּי, אוּן אוֹיךְ בַּיי פְּרוּמֶע טֶערָאפִּי; אוֹיבּ זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶרֶע מֶעטָאדְן פוּן דִי גוֹיִם - קֶען דָאס נִישְׁט הֵיילְן דִי נֶפֶשׁ פוּנֶעם אִיד), נָאר אֱמוּנָה הֵיילְט; אַז מֶען חַזֶר׳ט אֱמוּנָה, מֶען חַזֶר׳ט אַז ׳אַלֶעס וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן אוֹיךְ דִי וֵוייטָאג, אוּן אוֹיךְ דִי פַארְשֶׁעמוּנְג, אַלֶעס אַלֶעס קוּמְט מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער פַאר מַיין טוֹבָה, אֲפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַזוֹי׳; וִוי מֶער מֶען חַזֶר׳ט דָאס - וֶוערְט מֶען גֶעהֵיילְט.

אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיקִים, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי תּוֹרוֹת פוּן צַדִּיק, אוּן אוֹיךְ פְּרוּוְועֶן וָואס קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דִי טִיפֶע תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, אַז זֵיי לֶערְנֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן פוּן תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִּיק, וִוי דִי תַּלְמִידִים בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אוֹיף מֶער אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ שְׁפְּרַאךְ, אַ גְרִינְגֶע שְׁפְּרַאךְ - דִי עֵצוֹת אוּן דִי תּוֹרוֹת פוּן צַדִּיק - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; אוּן וָואס מֶער צַייט מֶען הֶערְט דִי קוֹל פוּן צַדִּיק - אַלְץ מֶער וֶוערְט דִי נֶפֶשׁ אוֹיסְגֶעהֵיילְט, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט מֶער נִישְׁט קֵיינֶעם, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט דִי טַאטֶע מַאמֶע, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט נִישְׁט מַאן אוּן וַוייבּ; עֶס וֶוערְט זֵייעֶר לִיכְטִיג דָאס לֶעבְן, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עַל כֵּן אַז אִיר ווִילְט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן דִי קִינְדֶער יָארְן וְכוּ׳ - זָאלְט

אִיר זִיךְ צוּהֶערְן צוּם קוֹל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סַיי מִיט לֶערְנֶען גְרִינְגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְזֶער דוֹר, אוּן סַיי דוּרְךְ הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, בִּיז אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן טוּן דִי עֵצוֹת; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה פוּן זוּכְן אִין זִיךְ גוּטְס, דִי עֵצָה פוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ; דָאס וֶועט צוּבִּיסְלֶעךְ הֵיילְן אַייעֶר נֶפֶשׁ, בִּיז אִיר וֶועט צוּרִיק קוּקְן אוּן נִישְׁט קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט אַייךְ אַמָאל בִּכְלַל גֶעשְׁטֶערְט פוּן אַייעֶר מַאמֶע, אִיר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִיש אוּן גֵייסְטִיש.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ חוּצְפָּה'דִיגְן קִינְד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעמַאכְט לִיכְטִיג מַיין לֶעבְּן, אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ עֵצוֹת אוּן וַוארֶעמְקֵייט.

בִּיטֶע לֵיינֶען מַיינֶע שׁוּרוֹת וָואס דְרִיקְן אוֹיף מַיין הַארְץ אוּן מֹחַ, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מַיין אָטֶעם אִיז שְׁוֶוער אוּן מַיין מֹחַ אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס שְׁווִינְדְלְט מִיר מַיין מֹחַ, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר נִישְׁט גוּט. פַארְוָואס? וַוייל אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער אִיז בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל מֶען טֵיילְט אִים אֵיין אַנְדֶערְשׁ וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, פַאלְט עֶר אַרַיין אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע כַּעַס, חוּצְפָּה אוּן צֶעדְרֵייטְקֵייט.

עֶטְלִיכֶע וָואכְן צוּרִיק אוּם שַׁבָּת אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁטַארְקֶע כַּעַס, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה אוּן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי זַאלְץ מֶעסְטְל, עֶס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן אוֹיסְגֶעגָאסְן אַ קָאפּ גְרֶעיפּ דְזְשׁוּס, אוּן חוֹזֵק גֶעמַאכְט אִין פָּארְנְט פוּן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער פוּן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט.

אַן אַנְדֶערֶע וָואךְ שַׁבָּת הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי לֶעקְטֶער פוּן קָאךְ מֵחֲמַת כַּעַס, אוּן מִיךְ אוֹיסְגֶעפֵּיינִיגְט, מִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט, אוּן וֶוען מַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר טָאר נִישְׁט

גֵיין צוּם מְלַוֶה מַלְכָּה אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בַּיי אוּנְזֶער שׁוּל, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אוּן גֶערֶעדְט מִיט חוּצְפָּה, אוּן זוּנְטָאג צוּפְרִי הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן בֶּעט, עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חוּצְפָּה'ט, וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן 12:20 נָאכְמִיטָאג אוּן אִיךְ הָאב גֶעזֶען אַז גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ, הָאב אִיךְ אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בֶּעט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "אִיךְ בִּין שְׁטֶערְקֶער פוּן דִיר, אִיךְ וָוארְן דִיךְ", אוּן עֶר הָאט מִיר אוֹיסְגֶעבּוֹיגְן מַיין הֶענְט.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְבִּיטֶערְט אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אוֹיסֶער זַיין אֵייגֶענֶע אוֹיפְפִירוּנְג, שְׁטֶערְט עֶס אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶער כַאפְּט פוּן אִים. אִיךְ צִיטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט קְרַאנְק וֶוערְן, אָדֶער כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען בְּרָאךְ.

זַייט אָנְהוֹיב זוּמֶער הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּרִיק פוּן שְׁרַייבְּן, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִין אָפִּיס; יֶעצְט קֶען אִיךְ אָבֶּער מֶער נִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל לֵיינֶען מַיין בְּרִיוו.

בִּיטֶע מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אוּן אַ נֶחָמָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן וֶוען דַיין זוּן אִיז זִיךְ מִתְחַצֵף פַאר דִיר אָדֶער דַיין וַוייבּ; אַמָאל דַארְף מֶען דָאס אַרִיבֶּער גֵיין וְכוּ׳, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס וְכוּ׳, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעגֶעסְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ.

בַּיי עֶנְקֶער פַאל דַארְפְן עֶנְק נֶעמֶען אַן אַנְדֶערֶע גַאנְג מִיט דֶעם קִינְד, וַוייל אַזוֹי זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (מִשְׁלֵי כב, ו): ״חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ״, מֶען דַארְף אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, זֵיי לֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן; אָבֶּער עֶס מוּז זַיין ׳עַל פִּי דַרְכּוֹ׳, יֶעדְן קִינְד לוֹיט זַיין וֶועג, אוּן אַז עֶר אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי דַיינֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ אִים מֶער מְכַבֵּד זַיין. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רב): ״כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ

כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", ווי ווייניגער שֵׂכֶל מְען הָאט - דַארְף מְען מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל די וָואס הָאבְּן ווייניג שֵׂכֶל - דַארְפְן מֶער כָּבוֹד; דָאס אִיז די וֶועג פון קְלִיגֶע עֶלְטֶערְן, שְׁטֶענְדִיג אויסְלוֹיבְּן די קִינְדֶער.

פון יֶעצְט און וַוייטֶער זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אִים מֶער אויף אַ לַייכְטֶע וֶועג, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן צו), וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אויף זַיינֶע קִינְדֶער, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ הֵיילִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד; אַז עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען וֶוען מֶען זָאגְט אִים - זָאלְסְטוּ אִים ווייניגער זָאגְן, זָאלְסְט אִים גֶעבְּן אַסַאךְ גוטֶע ווערְטֶער אָן קֵיין שִׁיעוּר, רוּף אִים יֶעדְן טָאג אִין קֶעמְפּ און זָאג אִים אַז דוּ הָאסְט אִים זֵייעֶר לִיבּ, און פְרֶעג אִים אוֹיבּ עֶר דַארְף עֶפֶּעס.

וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג אַוֶועק גֶעבְּן פִינְף מִינוּט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים, זָאלְסְט בֶּעטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער און בַּאזוּנְדֶער פַאר אִים; עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר זָאל וַואקְסְן גֶעזוּנְט, עֶר זָאל קֶענֶען נֶעמֶען די לֶעבְּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַנְדֶערְשׁ ווי עֶר וִויל וְכוּ׳, וַוייל דָאס אִיז די סוֹד פון הַצְלָחָה מִיט די קִינְדֶער, אַזוֹי ווי מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז אַ אִיד הָאט גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אויף גוטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אויפְגֶעבְּלָאזְן פון נַאסְקֵייט און דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד און אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פון מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוטֶע קִינְדֶער".

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ די ווערְטֶער וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו אַז דוּ בִּיסְט דֶערְבִּיטֶערְט וְכוּ׳; אַ אִיד טָאר נִישְׁט זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, אַ אִיד מֶעג זַיין צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער דֶערְבִּיטֶערְט מֵיינְט יֵאוּשׁ און עַצְבוּת, וָואס קֶען חָרוּב מַאכְן דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווי מִיר ווילְן - נִישְׁט אויף צוּ גֶעבְּן, נָאר הָאפְן, גְלֵייבְּן און וַוארְטְן אויף די יְשׁוּעָה.

לַיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו אַסַאךְ מָאל, עֶס שְׁטֵייעֶן אִין דִי בְּרִיוו אַסַאךְ שֵׁיינֶע עֵצוֹת וְוִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אוּמְגֵיין מִיט דַיין קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וֶועלְכֶע חֲלָקִים פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל זָאל אִיךְ לֶערְנֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אִיךְ הָאב בַּאמֶערְקְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֲלָקִים פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ גֶעשְׁרִיבְּן ווִי דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע בְּרִיוְון, אִיךְ ווִיל ווִיסְן צִי אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן כְּסִדְרָן פוּן אָנְפַאנְג?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וְואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר ׳שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית׳ פוּנֶעם שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ ׳כָּל בּוֹ׳, וַוייל עֶס פַארְמָאגְט אִין זִיךְ אַלֶעס: דְּרוּשׁ; חֲסִידוּת וְכוּ׳; הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים ׳לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת׳: ״מַיינֶע סְפָרִים אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס גַּן עֵדֶן״, וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת וֶוערְט מֶען אַזוֹי מְחוּזָק, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וְוִי אִין גַּן עֵדֶן; אוּן מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס״, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַזַא שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט אַזוֹי

ווי דער סֵפֶר; וואו מען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיווּ – זֶעט מֶען די לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה און מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן לֶערְנֶען די בְּרִיוְון, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶועלְכֶע בֶּענְדֶער אֲשֶׁר בַּנַּחַל, לֶערְן די בֶּענְדֶער וָואס רֶעדְט צוּ דַיין הָאַרְץ און צוּ דַיין נְשָׁמָה, וַוייל די בְּרִיוְון זֶענֶען אַ סַךְ הַכֹּל פון אַלֶע סְפָרִים פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און פון מוֹהֲרַנַ"ת, מִיטְן לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען", און וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן און עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; און רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לְדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פון רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת און הַדְרָכָה פַארְן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אָנְטוּן וַוייסֶע זָאקְן וֶוען מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט דֶערְמִיט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע זָאקְן, אִיךְ וִויל אָבֶער יָא אָנְטוּן וַוייסֶע זָאקְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ אוּן אִיךְ וִויל גֵיין מִיט דֶעם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ עֶס פַּאסְט אַז אִיךְ זָאל עֶס אָנְטוּן, כָאטְשׁ וָואס מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט דֶערְמִיט, אוּן אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן דֶעם טַעַם פוּן דֶעם מַלְבּוּשׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט אָנְטוּן וַוייסֶע זָאקְן לְכָבוֹד שַׁבָּת אֲפִילוּ וֶוען דַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, הַיינְט אִיז דָאס אַ חַסִידִי׳שֶׁער לְבוּשׁ, אַלֶע חֲסִידִי׳שֶׁע אִידְן גֵייעֶן מִיט וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין פְּגַם אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם אַז דוּ וֶועסְט אָנְטוּן חֲסִידִי׳שֶׁע קְלֵיידֶער, וַוייל דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיידֶל אוּן צְנִיעוּת׳דִיג אוּן פִירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ", אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק

(יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דִי הָאר פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, יַ"גַ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן, נָאךְ אַזוֹי סַאךְ תְּפִילוֹת אוּן חִיזוּק הָאט אִיר גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקְקֵייט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעשוֹירְן דִי הָאר, אִיר הָאט גֶעטוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וִוילְן, אִיר הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבַּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַייעֶר הָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מִנָּשִׁים בָּאֹהֶל תְּבֹרָךְ" (שׁוֹפְטִים ה, כד), גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע אִמָהוֹת, "בְּרוּכָה אַתְּ לַה' בִּתִּי" (רוּת ג, י), גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועג, זֵיי זָאלְן הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי צַדִיקִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר צוּגֶעבְּן אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט; דָאס אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ הֵיילִיג - דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ.

...

## דִי פִּישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן ווִי אַ קִינְד שְׁפִּילְט אוּן ווִי אַ גְרוֹיס מֵיידְל הַאלְט אִים פָאר, אוֹיךְ זָאל זַיין אַ וַואסֶער אִין דֶער זַייט, אוּן ווִי אַ פִּישׁ שְׁטֶעקְט אַרוֹיס דִי קָאפּ מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע אוֹיגְן.

אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ פַאר חוֹדֶשׁ אֱלוּל:

מֹשֶׁה׳לֶע שְׁפִּילְט, עֶר לוֹיפְט אַהִין אוּן צוּרִיק, עֶר הָאט אַ פַארְגֶענִיגְן, זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין: ׳אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג ווִי חוֹדֶשׁ אֱלוּל שְׁפִּילְט עֶר זִיךְ...?׳ זִי גֵייט צוּ צוּ אִים אוּן פְרֶעגְט אִים: ״זָאג מִיר מֹשֶׁה׳לֶע, אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג שְׁפִּילְסְטוּ זִיךְ? דוּ ווֵייסְט נִישְׁט ווָאס יֶעצְט אִיז? מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל! אוֹיךְ דִי פִּישׁ ווָאס שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער צִיטֶערְן!״

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה פוּן קָאבְּרִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן, אַז ווֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט אִים זַיין עֶלְטְסְטֶע שְׁוֶועסְטֶער דָאס גֶעזָאגְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז אַרַיין אִין אִים אַ פַּחַד פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אוֹיף צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מִיר גֵייעֶן פָאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, מִיר גֵייעֶן זִיךְ מֶער נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער, מִיר גֵייעֶן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן נָאר ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

עַד כַּאן הַמַּעֲשֶׂה.

טַייעֶרֶער יוֹאֵל נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק דִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זַיי מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, טְרַאכְט נָאךְ גֶעדַאנְקֶען ווִי אַזוֹי אוּן ווָאס מֶען קֶען מַאכְן פַאר דִי יוּגְנְט, אָנְשְׁטָאפְּן דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט קְדוּשָׁה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ שִׁיק דִיר דִי קוּנְטְרֵס "חוֹדֶשׁ אֱלוּל", זֶע דָאס צוּ שִׁיקְן פַאר זַלְמָן לֵייבּ, עֶר זָאל דָאס אָנְגְרֵייטְן פַאר יַעֲנְקֶל, אוּן פַאר נָאךְ מְפִיצִים. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע גִלְיוֹן, ווַייל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן מְבוּלְבָּל פוּן דִי פַּחַד פוּן אֱלוּל, מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אִיז מְיַישֵׁב הַדַעַת מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי חוֹדֶשׁ מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת.

פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, הַלְוַואי וֶועסְטוּ שׁוֹין עֶנְדִיגְן אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם פֵּירוּשׁ שְׂפָתַי תִּפְתָּח אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וָואס אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף דֶעם בְּכִלְיוֹן עֵינַיִים.

...

## פִירְט אַזוֹי שֵׁיין דִי שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יִצְחָק שְׁמוּאֵל פְרֶענְקֶל נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין עֶרְשְׁטֶע אֵיינִיקֶל, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי פְרֵיילִיכֶע נַייעֶס אַז דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אַ זֵיידֶע; מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען וַוייטֶער שִׂמְחוֹת בַּיי אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין בְּנֵי בַּיִת גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַארְן פִירְן אַזוֹי שֵׁיין דִי שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם, דִי גְרִיסְן זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶוער עֶס קוּמְט אַרַיין אִין שׁוּל אַ דוּרְשְׁטִיגֶער וֶוערְט אָנְגֶעטְרִינְקֶען מִיט חִיזוּק.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיךְ גֶעבּ אַ גְרוּס פַארְן צְווֵייטְן גַבְּאַי'ן, יִשְׂרָאֵל יוֹזְשֶׁעף נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען זַיין אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה פוּנְדֶערְוַוייטְנְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה וואו דוּ בִּיסְט, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין מַאמֶע, אוּן אֲפִילוּ דַיין טַאטֶע אִיז מַסְכִּים אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען, אָבֶער אַז דַיין מַאמֶע וִויל דוּ זָאלְסְט זַיין אִין דִי יְשִׁיבָה וואו דוּ בִּיסְט יֶעצְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן. הַיינְט קֶען מֶען מִיט הַאלְטְן אַלֶעס פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב, יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁמוּעֶסְט מִיט דִי בָּחוּרִים - קֶען מֶען הֶערְן אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב. עֶס קֶען אֲפִילוּ זַיין אַמָאל גְרִינְגֶער צוּ מְקַבֵּל זַיין וֶוען מֶען אִיז אִין אַ צְוֵוייטֶע יְשִׁיבָה אוּן מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה - וִוי וֶוען מֶען זִיצְט אִין יְשִׁיבָה; אַמָאל קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ', אַמָאל קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְן עֶפֶּעס מוּסָר, אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט גֶענוּג שְׁטַארְק צוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז לְטוֹבָה - קֶען מֶען אַמָאל נִתְרַחֵק וֶוערְן דֶערְפוּן.

בְּלַייבּ אִין דַיין יְשִׁיבָה, הַאלְט מִיט דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּר עִיּוּן - זָאלְסְטוּ מִיט הַאלְטְן דִי שִׁיעוּר, אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן אִין דִי פְרַייעֶ צַייט אוּן בַּיינַאכְט וֶוען דוּ גֵייסְט זִיךְ לֵייגְן - זָאלְסְטוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב -212-444 9191, דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען אַזוֹי וִויכְטִיג, עֶס הָאט אַזוֹיפִיל אֱמוּנָה, אַזוֹיפִיל הִתְחַזְּקוּת אִין אַלֶע עִנְיָנִים; אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין נָאנְט וְכוּ', וַוייל עֶס קֶען אַמָאל אוֹיסְזֶען אַז אֵיינֶער אִיז נָאנְט, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז עֶר וַוייט; מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן הִינְטֶער דִי פִּיס אוּן זַיין גָאר אֲפִילוּ אַ גַבַּאי - אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי שִׁיעוּרִים, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיז מִיט וָואס אִיז מֶען נָאנְט? אוּן עֶס קֶען אַמָאל אוֹיסְקוּקְן אַז אֵיינֶער אִיז וַוייט, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז עֶר אַזוֹי נָאנְט, עֶר לֶערְנְט דִי סְפָרִים אוּן הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיין טַאטֶע, זָאג אִים אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן, עֶס

וֶועט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דַיין טַאטֶע זָארְגְט אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר דִיר, עֶר הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

מִיר וֶועלְן זִיךְ זֶען אִם יִרְצֶה ה׳ בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

...

## עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע חַבֶר׳טֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַודַאי דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבֶרְ׳טֶע צוּ וֶועם זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן וְכוּ׳ אוּן הֶערְן אַ גוּטֶע עֵצָה, אָבֶער מֶען דַארְף וִויסְן צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן; עֶס זֶענֶען דָא וַוייבְּלֶעךְ וָואס וֶועלְן נֶעמֶען אַייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן וָואס אִיר הָאט זֵיי יֶעצְט גֶעפְרֶעגְט אוּן דָאס דֶערְצֵיילְן שְׁטִילֶערְהֵייט פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן דִי אַנְדֶערֶע וֶועלְן דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע, בִּיז מֶען וֶוערְט שְׁטָאטְ׳ס נַאר.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אֵיידֶער אִיר רֶעדְט אַייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן וְכוּ׳, אוּן מִיט וֶועם אִיר רֶעדְט דָאס.

בֶּעסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע חַבֶר׳טֶעס וָואס אֲפִילוּ אִיר וֶועט זֵיי דֶערְצֵיילְן זַאכְן וָואס זֶענֶען פְּרִיוַואט - וֶועלְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן דָאס מִיטְטֵיילְן מִיט אַנְדֶערֶע.

מֶען קֶען אַסַאךְ מָאל פְּלַאצְן ווִי מֶען הֶערְט צוּרִיק זַאכְן פוּן אַ צֶענְטֶע מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַן עֵצָה פוּן אֵיינֶעם, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט צוּ וֶועם מֶען רֶעדְט, אוּן יֶענֶער הָאט נָאר אֵיין בֶּעסְטֶע חַבֶרְ׳טֶע אוּן דִי דְרִיטֶע דֶערְצֵיילְט נָאר פַאר אַ שְׁוֶועסְטֶער, אוּן דִי פֶערְטֶע דֶערְצֵיילְט נָאר פַאר אַ פִּיפְטֶער, אוּן מֶען בְּלַייבְּט פַארְשְׁמִירְט אוּן פַארְשֶׁעמְט בַּיי אַלֶעמֶען, מֶען וֶוערְט קָהָלְ׳ס נַאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבּ אִיךְ אֱמוּנָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער לֶעצְטְנְס, דַיין קָאפּ שְׁוִוינְדְלְט דִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַּיינִיגְן דִיר: 'הָאבּ אִיךְ אֱמוּנָה? הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אֱמוּנָה?' דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, דוּ בִּיסְט שְׁרֶעקְלִיךְ צֶעמִישְׁט, דוּ פְרֶעגְסְט אוּן בֶּעטְסְט אַן עֵצָה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי לִיבּ, אִיךְ זֶע דַיין פַּיין, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט יָא אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס אִיז נָאר עֲצַת הַיֵּצֶר דִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן פוּן דַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דִי מַחְשָׁבוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב), אַז מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת טָאר מֶען נִישְׁט טַעֲנָה'ן, וַוייל ווִי מֶער מֶען טַעֲנָה'ט מִיט זֵיי - וֶוערְן זֵיי נָאר מֶער שְׁטֶערְקֶער אוּן מֶער שְׁרֶעקֶעדִיגֶער, דִי עֵצָה אִיז - זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן זֵיי, אוּן וֶוען דִי מַחְשָׁבוֹת קוּמֶען - זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַלֶע אַנְטְלוֹיפְן.

אַמָאל הָאט אַ מֶענְטְשׁ דִינִים אוֹיף זִיךְ אוּן דִי מְקַטְרִיגִים ווִילְן אִים נִישְׁט צוּלָאזְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַארְשְׁטֶעלְן דִי מְקַטְרִיגִים, זֵיי לָאזְן אִים נִישְׁט צוּ, אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן זָאגְן: **"שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר אַלֶעס"** - רוּקְן זִיךְ אַלֶע מְקַטְרִיגִים אִין דִי זַייט אוּן דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ, אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג, אַ מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם, וֶוען אֵיינֶער ווִיל אַרַיינְקוּמֶען אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ, קוּמֶען דִי מְשָׁרְתִים, דִי עֲבָדִים - אוּן לָאזְן נִישְׁט, מֶען הֵייבְּט אָן בַּאקוּקְן דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז וֶוערְד מֶען זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן אִין פַּאלַאץ פוּן קֶענִיג, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן זָאגְט: "אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג, אִיךְ ווִיל נָאר זָאגְן

שְׂכַל״ - עֶפְנְט מֶען אִים אוֹיף דִי טוֹיעֶרְן אוּן עֶר גֵייט אַרַיין צוּם קֶענִיג, אוּן אֵיינְמָאל עֶר אִיז שׁוֹין בַּיים קֶענִיג קֶען עֶר שׁוֹין אַלֶעס בֶּעטְן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט צוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אוּן זָאגְן: ״שְׂכַל אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט מִיר״; דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק גֶעבְּן דַיינֶע מוֹחִין, דוּ וֶועסְט צוּבִּיסְלֶעךְ אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי דִי אֱמוּנָה וֶוערְט דִיר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּ אִים, אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעוֵוייינְט אַז עֶר דַארְף אַן עֵצָה פַאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר הָאט קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ'; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״זָאג אוֹיס דַיינֶע קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר, אוּן וִוי דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ שְׁווינְדְלֶען דִיר וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וֶועלְן דִי קַשְׁיוֹת אַוֶועק גֵיין״, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן קַשְׁיָא אִיז (תְּהִלִּים כז, ז): ״שְׁ'מַע ה' קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא״, אַז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת, זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ', גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה״.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁלָאפְן גֶענוּג שָׁעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז דוּ וֶוערְסְט מְבוּלְבָּל אִינְמִיטְן טָאג - זָאלְסְטוּ כַאפְּן אַ דְרִימְל אִינְמִיטְן טָאג. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קי): ״יֵשׁ כַּמָּה שְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים הַמִּתְדַּבְּקִים וּמִתְחַבְּרִים בְּהַמֹּחַ״, עֶס קְלֶעבְּן זִיךְ אָן אִינֶעם מֹחַ אַסַאךְ שְׁטוּתִים אוּן בִּלְבּוּלִים, ״וּבִפְרַט בִּלְבּוּלֵי הָאֱמוּנָה״, אוּן עֶס שַׁאט סְפֶּעצִיעֶל פַאר אֱמוּנָה, ״וְעַל יְדֵי הַשֵּׁנָה נִפְרָדִים מֵהַמֹּחַ״, אוּן דוּרְךְ שְׁלָאפְן גֵייט עֶס אַוֶועק, ״וּבְיוֹתֵר מוֹעִיל הַשֵּׁנָה לֶאֱמוּנָה״, אוּן אַז מֶען שְׁלָאפְט הֶעלְפְט עֶס זֵייעֶר פַאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערוּט, מֶען קוּמְט צוּ זִיךְ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזּוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ וֵויין פַאר אַייךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אַייךְ צוּ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין אַזוֹיפִּיל גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר זָאל טוּן זַיינֶע פְלִיכְטְן עַל פִּי תּוֹרָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֶעט אוֹיס אַז אִיךְ דַארְף מֶער רֶעדְן, אִיךְ דַארְף אִים מֶער מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל זַיין אַ מַאן וְכוּ׳.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵק זַיין אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אִיר זָאלְט וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אַז עֶס אִיז דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז אַלֶעס נָאר אוּנְטֶער דִי טֶבַע, אוּן אַז תְּפִלָּה אִיז לְמַעְלָה מִטֶּבַע, תְּפִלָּה אִיז הֶעכֶער פוּן טֶבַע, תְּפִלָּה טוּישְׁט דִי טֶבַע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א סִימָן ט, אוֹת ה): ״הַטֶּבַע מְחַיֵּב אֵיזוֹ דָּבָר וְהַתְּפִלָּה מְהַפֶּכֶת אֶת הַטֶּבַע״, אֲפִילוּ עֶס אִיז שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע קֶען מֶען דוּרךְ תְּפִלָּה דָאס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס בִּיז אַהֶער, פַאר אַלֶע וֵוייטָאג בִּיז אַהֶער, וַוייל אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף צוּרִיק דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, תְּפִלָּה אִיז נָאר אוֹיף וַוייטֶער, אָבֶער אוֹיף צוּרִיק דַארְף מֶען גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, אוּן ווִי נָאר מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוּן טוּט נָאר רַחְמָנוּת - דָאס עֶפְנְט אוֹיף אַ טִיר אִין הִימְל אַז עֶס זָאל קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ נָאר יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ וֶועל מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן וְכוּ׳, עֶר זָאל

דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּב, מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּב מִיט שָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז אִיךְ וֶועל פּוֹעֶלְ'ן, וַוייל עֶר אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אוּן אַ וואוֹילֶער, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ פַּארְבֶּעסֶערְן, אוּן מִיט אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת אוּן מִיט אַייעֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זִיךְ זַאכְן אִיבֶּער דְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל אָנְנֶעמֶען צוּ זַיין סֶעקְרֶיטֶערִי אִין אָפִיס צוּ אַיינְקַאסִירְן שְׂכַר לִימוּד, זָאג אִיר אַז דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע אַרְבֶּעט; שְׁלֶעכְט אִיז מֶען וֶועט מֶען לָאזְט לוֹיפְן דִי מוֹסָד, מֶען מָאנְט נִישְׁט אַיין שְׂכַר לִימוּד, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא קֵיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים, אוּן דִי מְלַמְדִים וֶועלְן זִיךְ צֶעלוֹיפְן אוּן מֶען וֶועט חַס וְשָׁלוֹם דַארְפְן שְׁלִיסְן דִי מוֹסָד (הָיָ' לֹא תִהְיֶ'); זַיי אִיר מְחַזֵק אַז זַיין אַ שְׁטַארְקֶע סֶעקְרֶיטֶערִי אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת וָואס מֶען קֶען נָאר הָאבְּן, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען צָאלְן דִי טַייעֶרֶע מְלַמְדִים אִין צַייט.

הַלְוַואי וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶענוּמֶען עֶפֶּעס אַן אַרְבֶּעט אִינֶעם מוֹסָד, אַ שָׁאד דִי לֶעבְּן זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַ כַאפּ, מֶען פְרֶעגְט זִיךְ: "וָואס אוּן וֶוען אוּן פַאר וֶועם הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבֶּעט מַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר?" עֶנְדֶערְשׁ אַרְבֶּעטְן אִינֶעם מוֹסָד, בּוֹיעֶן תּוֹרָה, בּוֹיעֶן דִי מַלְכוּת דִקְדֻשָּׁה.

אַז דַיין וַוייבּ וֶועט קוּמֶען אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי שְׂכַר לִימוּד דִיפַּארְטְמֶענְט

וֶועט דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת, און אַז זִי וֶועט רֶעדְן שְׁטַארְק, זִי וֶועט מָאנֶען דִי גֶעלְט וָואס קוּמְט אוּנְז - וֶועט דָאס זַיין דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת וָואס אִיז דָא.

...

## ווילְסְט נִישְׁט צוּרִיק נֶעמֶען דִי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וויל וִויסְן וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר גֶעבָּארְגְט פַּארְאַיָאר זוּמֶער, נָאכְן בָּארְגְן הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דִי יָאר וֶועט זַיין הַצְלָחָה - ווילְסְטוּ נִישְׁט צוּרִיק נֶעמֶען דִי הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער.

יֶעצְט וֶוען אִיךְ מַאךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת צוּ בַּאצָאלְן אַלֶע מַיינֶע הַלְוָואוֹת פוּן פַּארְאַיָאר, וויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן וָואס טוּ אִיךְ? אִיז דָאס גֶעבְּלִיבְּן הַלְוָאָה אָדֶער אִיז דָאס אַ מַתָּנָה? בִּיטֶע מִיר לָאזְן וִויסְן, אָדֶער פַאר מַיין סֶעקְרֶעטַאר מָרְדְּכַי אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא און הֲלָכָה.

...

## נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע דִירָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כַ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דִי גְרוֹיסֶע דִירָה, אַ אִיד טָאר נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע דִירָה, אוֹיךְ קֶען דַיין וַוייבּ נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ בִּנְיָן אָן אַן עֶלֶעוֶועיטֶער, זִיךְ אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן און אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן מִיט דִי בֶּעבִּי.

נֶעם דִי דִירָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעזֶען אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אוֹיס דָאפְּלְט דִירָה גֶעלְט, אוֹיךְ וֶועסְטוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ סוּכָּה אוֹיפְן פָּארְטְשׁ, אוּן זָאלְסְט נֶעמֶען אַ הַלְוָאָה צוּ קֶענֶען אוֹיסְשְׁטָאפִירְן דִי דִירָה מִיט בֶּעטְן, שֶׁענְק, וַואשׁ מַאשִׁין וְכַדוֹמֶה לָזֶה.

זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין. גֶעדֶענְק ווי אַזוֹי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעזֶען אַלְס בָּחוּר, אוּן הַיינְט בִּיסְטוּ אַזוֹי שֵׁיין מְסוּדָר, הָאסְט אַ מִשְׁפָּחָה, בִּיסְט אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, שֶׁעץ דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### גֵיי נָאךְ גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן רֶענְט אוּן שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

אַז דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר רֶענְט, אוּן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר שְׂכַר לִימוּד אוּן פַאר דִי טִיקֶעטְס פוּן פַארְאַיָאר צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיז זִיכֶער אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער דִי יָאר קַיין אוּמַאן; ווי קֶען מֶען זַיין אַ שֵׁיינֶער אִיד וֶוען מֶען קוּמְט פַארְן לֶענְדְלָארְד אוּן פַאר שְׂכַר לִימוּד?

צֶעבְּרֶעךְ דַיין בּוּשָׁה אוּן גֵיי נָאךְ גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן רֶענְט אוּן שְׂכַר לִימוּד, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, וַוייל עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז אוֹיךְ פְּשַׁט אִין רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): ״מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב״, וֶוער עֶס וויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן - ״יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב״, זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת, וַוייל מִיט חוֹבוֹת, ווי מֶעג מֶען מַאכְן נָאךְ חוֹבוֹת? פָארְן קַיין אוּמַאן, וֶוען מֶען קוּמְט פַאר מֶענְטְשְׁן גֶעלְט?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

...

## סִיוּם הַשַּׁ״ס צוּם צְוֵייטְן מָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כַ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם הַשַּׁ״ס צוּם צְוֵייטְן מָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, בַּאקוּמֶען אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט, וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה בַּאקוּמְט מֶען אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ״ס אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים״, אוּן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי צְוֵייטֶע מָאל שַׁ״ס - דַארְפְסְטוּ שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים.

גֵיי אַרִיבֶּער - וֶוען דוּ קֶענְסְט - צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שׁוֹין מַאכְן אַ טִיקֶעט פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן.

...

## אַ בַּאנְדִיט, מִיט אַ קְלֵייד פוּן אַ פָּרוּשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כַ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן וֵויינֶען דִי וַוייבּ, אַז מֶען מַאכְט וֵויינֶען דִי וַוייבּ אִיז דָאס אַ סַכָּנָה, אוּן אַז דוּ ווילְסְט גֵיין בְּדֶרֶךְ פְּרִישׁוּת דַארְפְסְטוּ וויסְן אַז דָאס קֶען נִישְׁט גֵיין נָאר אַז עֶס אִיז גֶעקְנִיפְּט מִיט דִי תּוֹרָה, נָאר אַז דִי וַוייבּ אִיז

מוֹחֵל וְכוּ׳, אוֹיבּ זִי אִיז נִישְׁט מוֹחֵל אִיז מֶען נִישְׁט קֵיין עוֹבֵד הַשֵּׁם, מֶען אִיז אַן עֲבַרְיָן, אַ בַּעַל עֲבֵירָה בְּאִיצְטְלוּתָא דְּרַבָּנָן, אוּן דִי אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי וֶועג פוּן פְּרִישׁוּת אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט דִי פוּלֶע הַסְכָּמָה פוּן שְׁטוּבּ, נָאר אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעמֶעגְט גֵיין אוֹיף דִי וֶועג, ווייל אוֹיבּ דִי וַוייבּ וֵויינְט חַס וְשָׁלוֹם - אִיז מֶען אַ בַּאנְדִיט מִיט אַ קְלֵייד פוּן אַ פָּרוּשׁ, דִי זֶענֶען דִי וַיִצְדְקָתְךָ אִידְן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן זֵיי (קוּק אִין סֵפֶר קַב הַיָּשָׁר, פֶּרֶק נב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## נֶעמֶען קִינְדֶער קַיין אוּמַאן, נָאכְן בַּאצָאלְן חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ מִישׁ זִיךְ פְּרִיוַואט בַּיי דִיר, אָבֶּער אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט קוֹיפְן טִיקֶעטְס פַאר דַיינֶע קִינְדֶער צוּ פָאְרן אוֹיף אוּמַאן פַאר צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, וֶוען דוּ קוּמְסְט פַאר דִי מוֹסָד פַאר שְׂכַר לִימוּד פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער; אִיךְ מַיין אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט.

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי פְּרַאגֶעס, אֵיינְס, וִוי קֶען זַיין אַז פַאר אוּמַאן קֶענְסְטוּ שַׁאפְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד, יָאר נָאךְ יָאר, פַאר דַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן פַאר שְׂכַר לִימוּד - נִישְׁט? צְוֵוייטְנְס, אַז דוּ קוּמְסְט גֶעלְט פַאר דִי מְלַמְדִים פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ אַ דִין תּוֹרָה מִיט דִיר, אוּן דִי גֶעלְט וָואס דוּ שַׁאפְסְט פַאר אוּמַאן קוּמְט עֶרְשְׁט פַאר דִי מוֹסָד.

פְּרֶעג דַיין שְׁוֶוער אוֹיבּ דָאס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, לְדַעְתִּי וּלְדַעַת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה - אִיז אַ טַאטֶע מְחוּיָּב צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אוּן פָאְרן אוֹיף אוּמַאן מִיט דִי קִינְדֶער - קוּמְט נָאכְן בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת.

קֶען זַיין דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה,

סִימָן מו) : "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב", װער עֶס װיל תְּשׁוּבָה טוּן, דָאס מֵיינְט עֶר װיל פָאַרְן צוּם צַדִיק קַיין אוּמַאן - "יִזָהֵר מִלִהְיוֹת בַּעַל חוֹב", זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חוֹבוֹת, וַוייל מִיט חוֹבוֹת אִיז גְנֵיבָה צוּ קוּמֶען צוּם צַדִיק.

...

## צְוֵויי גוּטֶע קַבָּלוֹת צוּם נֵייעֶם יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי פִּדְיוֹן פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל נִמְתָּק װערְן פוּן דִיר אוּן פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה אַלֶע דִינִים.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן פַאר אַלֶעס.

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צְוֵויי גוּטֶע קַבָּלוֹת, אֵיינְס אִין סוּר מֵרָע, עֶפֶּעס וָואס נִישְׁט צוּ טוּן, לְמָשָׁל נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן אַ קַבָּלָה אִין עֲשֵׂה טוֹב, לְמָשָׁל זָאגְן עֶרֶב שַׁבָּת פַאר מִנְחָה שִׁיר הַשִּׁירִים, דָאס אִיז אַ בֵּיישְׁפִּיל, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ט, ט) : "תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם עוֹד"...

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## שְׁלָאגְן קִינְדֶער הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט פַאר חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלָאג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער ; עֶס אִיז אַ

טִפְּשׁוּת צוּ שְׁלָאגְן קִינְדֶער אוּן עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט פַאר חִינוּךְ, עֶס אִיז נָאר זִיךְ אוֹיסְצוּבְּלָאזְן דִי נֶערְוֶועןְ; דִיר נִישְׁט אָן דַיין קִינְד, דוּ וֶועסְט נָאר קַאלְיֶע מַאכְן.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אַוֶועק גֶעבְּן צַייט יֶעדְן טָאג פַאר דַיין ווַייבּ, דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אִיר אוּן אִיר גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, ווַייל דָאס אִיז דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דִי שְׁכִינָה רִיעֶן אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ ווִיל לַאדֶענֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ גֶעפִינֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - צוּ דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן אַ צְוֵוייטֶע סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אִם יִרְצֶה ה׳ דִי וָואךְ שַׁבָּת וֶועט זַיין דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה. נָאךְ שַׁחֲרִית, פַאר קְרִיאַת הַתּוֹרָה וֶועט מֶען טַאנְצְן אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי נַייעֶ סֵפֶר אִין שׁוּל, עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג. מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אִין מִירוֹן, אָבֶּער מַיין שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת מִיטְהַאלְטְן דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה.

אוֹיךְ נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אַ שִׂמְחָה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת פַאר מַיין אֵיינִיקְל יְחֶזְקֵאל, אַ זוּן פוּן מַיין אֵיידֶעם הָרַב נְתַנְאֵל. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר.

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר מִשְׁפַּחַת לֶעזֶער שֶׁיִחְיוּ, מִיר קוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, פַארְן זִיךְ אַוֶועק גֶעבְּן פַארְן מֵיידְל סְקוּל בֵּית פֵיגָא. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר מִשְׁפַּחַת זוּסְמַאן, פַאר זֵיי קוּמֶען מִיר אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע הַכָּרַת הַטּוֹב, פַאר דֶעם וָואס זֵי פִירְט אָן דִי בֵּית פֵיגָא זוּמֶער פְּרָאגְרַאם, דִי דֶעי קֶעמְפּ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אוֹיךְ קוּמְט פַאר הַיינְט דִי קָאמְפֵּיין פַאר דִי מוֹסְדוֹת אוּן קְהִילָה, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, מִיט רוּפְן בַּאקַאנְטֶע, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אוּן בַּא׳טַעמְ׳ט - טוּט מֶען דָאס; מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען מִיט אוּנְזֶער קְהִילָה, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אוּן מְחַזֵק זַיין פְּרוֹיעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַייעֶר זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיט דֶעם וָואס אִיר זֶענְט מְחַזֵק וַוייבְּלֶעךְ, אִיר הֶערְט זֵיי אוֹיס, אִיר הָאט מִיטְגֶעפִיל מִיט זֵיי, נִישְׁטָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם, ווייל אַזוֹיפִיל וַוייבְּלֶעךְ אוּן אוֹיךְ עֶלְטֶערֶע פְּרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג מִיט דִי מַאן אוּן קִינְדֶער, אוּן וואוּיל אִיז דִי וָואס הֶערְט זֵיי אוֹיס אוּן הָאט מִיטְגֶעפִיל מִיט זֵיי, אוּן מוּטִיגְט זַיי זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק, אוּן זֵיי גֶעבְּן עֵצוֹת נִישְׁט זִיךְ צוּ לָאזְן וֶוערְן ווִי אַ שְׁמַאטֶע וְכוּ׳.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אַייךְ נָאךְ אַרְבֶּעט, אִיר טוּט שׁוֹין אַזוֹיפִיל פַּאר דִי קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת, אָבֶער דָאךְ בֶּעטְן פְּרוֹיעֶן אַז זֵיי ווִילְן אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן שִׁיעוּרִים; אַז אִיר וֶועט דָאס קֶענֶען טוּן - וֶועט דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי שְׁפְּרַאךְ צְווִישְׁן מַאן אוּן ווייב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

עֶס לִיגְט אִין אַייעֶרֶע הֶענְט אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַייעֶר מַאן, דָאס הֵייסְט, וֶוען עֶר זָאגְט אַייךְ עֶפֶּעס - זָאלְט אִיר אִים אוֹיסְרִימֶען, אוּן וֶוען עֶר זָאגְט זַיינֶע מֵיינוּנְגֶען - זָאלְט אִיר חַס וְשָׁלוֹם שְׁפֶּעטְן אָדֶער לַאכְן, אִיר זָאלְט אִים אַלְץ אוֹיסְרִימֶען.

אַייעֶר מַאן אִיז זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער, זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער אוּן גָאר אַ וֵוייכֶע נַאטוּר, מֶען דַארְף אִים נָאר אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוּן אַז אִיר הָאט זַאכְן וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ - זָאלְט אִיר דָאס רֶעדְן מִיט אַייעֶר גוּטֶע חַבֶר'טֶע מָרַת ... תִּחְיֶ', צוּ אִיר זָאלְט אִיר קְרֶעכְצְן אוּן וֵויינֶען, זֵיי וֶועט אַייךְ גֶעבְּן גוּטֶע עֵצוֹת, ווייל 'יֶעצְט' קֶען אַייעֶר מַאן נִישְׁט פַארְנֶעמֶען קֵיין שׁוּם קְרֶעכְצְן אוּן וֵויינֶען, יֶעצְט דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן; זַיין מֹחַ אַרְבֶּעט אַז וֶוען עֶר הֶערְט אַייךְ וֵויינֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיס, עֶר וֶוערְט שְׁרֶעקְלִיךְ צֶעקְלַאפְּט, אוּן נִישְׁט אִיר זֶענְט שׁוּלְדִיג אוּן נִישְׁט עֶר אִיז שׁוּלְדִיג, עֶנְק זֶענֶען צְוֵויי גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, אִיר דַארְפְט זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי שְׁפְּרַאךְ ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִים, אוּן עֶר דַארְף לֶערְנֶען דִי שְׁפְּרַאךְ ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אַייךְ.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זִי אִיז יָא אַ גוּטֶע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן, עֶפֶּעס אִיז אִין אִיר קָאפּ אַז זִי הַאלְט אוּן אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן כְּאִילוּ אִין עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט, סַךְ הַכֹּל אִיז דָאס אַז זִי שְׁרֵייט אוֹיף דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי אַלֶע מַאמֶעס; עֶס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט וֶוען אַ מַאמֶע שְׁרֵייט אוֹיף דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער: "אַרֵיין אִין בֶּעט", אָדֶער: "דוּ גֵייסְט כַאפְּן..."; אַלֶע מַאמֶעס זֶענֶען אַזוֹי, אוֹיךְ דִי רֶעדְנֶערִינְס, דִי זִיסֶע הָאנִיגְ'דִיגֶע רֶעדְנֶערְס וָואס רֶעדְן צוּ אִידִישֶׁע מַאמֶעס פוּן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, דִי שְׁרֵייעֶן אוֹיךְ...

דַיין אַרְבֶּעט אִיז אֵיין זַאךְ, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, נֶעם אַרוֹיס פוּן אִיר קָאפּ דִי וָוארֶעם אַז זִי אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע מַאמֶע, אָדֶער אַז זִי הַאלְט אוּן אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אוּן ווִיפִיל זִי הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן זִי מַאכְט אָפּ מֶער נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן - פַאלְט זִי צוּרִיק; דוּ זַיי אִיר מְחַזֵק, דוּ מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ; דָאס אִיז דַיין מִצְוָה.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## יֶעדֶע מֵיידְל זָאל הָאבְּן אַ פְּלַאץ צוּ שַׁיינֶען אוּן זַיין מֶעכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי צִיל פוּן אוּנְזֶער פְּלֶעי אִין ״בֵּית פֵיגָא״ אִיז, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן אוֹיפְלֶעבְּן אוּן זִיךְ שְׁפִּירְן גוּט, סְפֶּעצִיעֶל דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט דוּרְכְן יָאר אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ שַׁיינֶען אוּן זַיין מֶעכְטִיג, בַּיי אַ פָּארְשְׁטֶעלוּנְג (פְּלֶע״י), קֶענֶען זִיךְ אַלֶע עֶפֶּענֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי זֵיי זֶענֶען חָשׁוּב.

עַל כֵּן, אַז אִיר הָאט דִי זְכִיָ׳ צוּ מַאכְן דִי פְּלֶעי, זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוּמְקוּקְן אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע תַּלְמִידָה, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דִי תַּלְמִידוֹת וָואס זֶענֶען שְׁטִיל אוּן אֵיידְל, זַיי גֶעבְּן אַ חָשׁוּב׳עֶ פְּלַאץ אוּן אַ שֵׁיינֶע חֵלֶק וִוי זַיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען עֶפֶּענֶען אוּן שַׁיינֶען.

אוֹיךְ קֶען דִי פְּלֶעי זַיין פַאר הֲפָּצָה, מֶען זָאל רוּפְן מִשְׁפָּחָה אוּן גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן קֶעמְפְּס אוּן קָאנְטְרִיס, זֵיי זָאלְן הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִיטְן טַאנְץ אוּן מִיטְן נִיגוּן, אָבֶּער הָעִקָּר וָואס אִיךְ צָאל דִי גְרוֹיסֶע קָאסְט פוּן דִי פְּלֶעי - אִיז פַאר דִי תַּלְמִידוֹת זֶעלְבְּסְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי אַז אִיךְ הָאב גֶעהַאט דִי זְכִיָ׳ צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן דִי פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת

רְאֵה אִיז גֶעוֶוען דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה, מַיין שְׁוֶוער הָרַב ר' מָרְדְּכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א מִיט אַפָּאר שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל פוּן דִי שֵׁיינֶע מַעֲמָד. עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, דִי וֶוערְטֶער לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל, אוּן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן מִיט דִי תּוֹרָה, מִיר הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אַבִּיסְל אִין גַאס, אוּן אוֹיךְ אִין שׁוּל, צוּם עֶרְשְׁט הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ טַאנְצְן מַיין מִשְׁפָּחָה, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם מְנַהֵל מִיט דִי מְלַמְּדִים, אוֹיךְ דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אוּן אוֹיךְ דִי גַבָּאִים פוּן שׁוּל, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעזָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל: "לְדָוִד מִזְמוֹר, לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" - פָּסוּק בְּפָסוּק, אוּן מֶען הָאט גֶעלֵיינְט אִין דִי נַייעֶ סֵפֶר, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה שֶׁהֶחֱיָינוּ וַוייל דָאס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאבּ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין שְׁוֶוער בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת צוּ רֶעדְן דִּבְרֵי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פוּן תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אַ לָשׁוֹן פוּן אַ בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווִי עֶר שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם וָואס בֶּעט אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה, שְׁרַייבְּט עֶר דָארְט אַ לָשׁוֹן (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת דִּבְרֵי יוֹאֵל, סִימָן לא): "כִּי מִי שֶׁאֵינוֹ מַאֲמִין שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לְמַכְעִיסָיו, אֲפִילוּ שֶׁהִכְעִיסוֹ עַד אֵין שִׁיעוּר", אוֹיבּ אֵיינֶער גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר דִי וָואס זִינְדִיגְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט גָאר אַסַאךְ - "מְבָרֵךְ חַס וְשָׁלוֹם בְּכָל יוֹם בְּרָכָה לְבַטָּלָה, 'חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ'", מַאכְט עֶר יֶעדְן טָאג אַ בְּרָכָה לְבַטָּלָה בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה.

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיךְ דֶערְמַאנְט וָואס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ), פוּן סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן לה): "שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם", עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיסֶע אַפִּיקוֹרְסִים, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה בְּאֵלּוּ הָעִתִּים", ווִאוּיל אִיז פַאר דִי וָואס וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל כְּלָל מַה שֶּׁהוּא מְסַפֵּר

זֹאת, שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם וְשֶׁצְּרִיכִין לְהִתְחַזֵּק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁהוּא אוֹמֵר זֹאת אַף עַל פִּי כֵן מִתְגַּבֶּרֶת הָאֶפִּיקוֹרְסוּת וְהַבִּלְבּוּלִים״, אִיךְ וֵויְיס אַז עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאג שׁוֹין דָאס אַלֶעס פָּארְאוֹיס, ״אַךְ אַף עַל פִּי כֵן אֲנִי מוֹדִיעַ זֹאת מִקֹּדֶם״, דָאךְ זָאג אִיךְ יֶעצְט וָואס גֵייט זַיְין, ״בִּשְׁבִיל אוֹתָן מְעַט הַכְּשֵׁרִים שֶׁיַּחֲזִקוּ עַצְמָן בֶּאֱמוּנָתָן״, פַאר דִי גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, ״וּבְוַדַּאי יִהְיֶה לָהֶם מִלְחָמוֹת גְּדוֹלוֹת בְּדַעְתָּן״, זֵיי וֶועלְן זִיךְ דַארְפְן אַסַאךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, ״לְמַעַן יִהְיֶה לָהֶם לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ וְהִתְחַזְּקוּת וְהִתְאַמְּצוּת יוֹתֵר כְּשֶׁיִּרְאוּ שֶׁכְּבָר דִּבְּרוּ מִזֶּה מִקֹּדֶם״, דָאס וֶועט זַיְין פַאר זֵיי גְרוֹיסֶע חִיזוּק, וֶוען זֵיי וֶועלְן זֶען אַז מֶען הָאט שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר גֶעוואוּסְט וָואס גֵייט זַיְין.

אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶר דֶעם שִׂיחָה (שָׁם, סִימָן רכ) וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל בָּעוֹלָם״, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט זַיְין אִין דִי וֶועלְט אַפִּיקוֹרְסוּת, ״כִּי מִלְמַעְלָה יָבוֹא אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם״, פוּן הִימְל וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען אַפִּיקוֹרְסוּת, ״בִּשְׁבִיל נִסָּיוֹן״, כְּדֵי צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן וֶוער עֶס וֶועט זַיְין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, עֶס וֶועט זַיְין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעזָאגְט: ״אוֹי, אֵיךְ יוּכְלוּ לַעֲמֹד אֲנָשִׁים מוּעָטִים נֶגֶד כָּל הָעוֹלָם״, ווִי אַזוֹי וֶועלְן אַזוֹי וֵוייניג מֶענְטְשְׁן קֶענֶען שְׁטֵיין קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט...

עֶר פִּירְט אוֹיס אִין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה: ״וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁרָאָה מָה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִּמְשִׁיחָא״, דָאס אִיז אַ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ פוּן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען וָואס וֶועט זַיְין אִינֶעם הַיְינְטִיגְן דוֹר.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל טָעוּת; מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, מֶען הָאט גֶעזֶעצְט דֶעם חָתָן אוֹיבְן אָן, אוּן אוֹיךְ בַּיים בֶּענְטְשְׁן הָאט מֶען אַרַיינְגֶערוּפְן דִי כַּלָּה, אוּן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט מֶען זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען זוּנְטָאג בַּייטָאג, אוּן מֶען מַאכְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שֶׁבַע בְּרָכוֹת.

הַיְינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ,

דִי בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל מִתְפַּלֵל זַיין. אִיךְ פָּאר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ פָארְן אַפָּאר יָאר צוּרִיק אָבֶּער עֶס וֶוערְט אַ טוּמְל וְכוּ׳, אִיךְ וֶועל וַוארְטְן צְוֵויי טֶעג.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי וָואךְ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן נָאר מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### מֶען רֶעדְט אוֹיף יֶענֶעם, אוּן מֶען פַּסְקְ׳נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי דַן לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אוֹיךְ וֶוען דוּ בִּיסְט פַארְכַאפְּט אִין אַ פַּרְשָׁה מִיט אֵיינֶעם, דוּ זֶעסְט נָאר שְׁלֶעכְטְס, דוּ זֶעסְט נָאר דַיין זַייט פוּן דִי מַעֲשֶׂה - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דַן זַיין לְכַף זְכוּת; וַוייל וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וִוי אַזוֹי מֶען אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן - אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט דִיר, אַז דוּ בִּיסְט דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת - וֶועט מֶען דִיךְ אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן אַז מֶען זֶעט אִין יֶענֶעם שְׁלֶעכְטְס - וֶועט מֶען דִיךְ מִשְׁפָּט'ן אוֹיף שְׁלֶעכְט; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קיג) פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֵיידֶער מֶען מַאכְט אַ גְזֵירָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט מֶען עֶרְשְׁט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס זֵיי זָאגְן, אוֹיבּ מֶען זָאל מַאכְן דִי גְזֵירָה, אוּן אוֹיךְ פְּרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס מִיט וֶועלְכֶע שְׁטְרָאף מֶען זָאל אִים בַּאשְׁטְרָאפְן, אָבֶּער וֶועלְכֶע מֶענְטְשׁ וֶועט דֶען פַּסְקְ'נֶען מֶען זָאל אִים בַּאשְׁטְרָאפְן? מַאכְט מֶען אַ טְרִיק, מֶען פְּרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען דְרֵייט אַרַיין אַ שְׁמוּעֶס, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר רֶעדְט אוֹיף זִיךְ אוּן עֶר מִשְׁפָּט זִיךְ, אוּן

וָוען עֶר זָאגְט אַז יֶענֶעם דַארְף מֶען בַּאשְׁטְרָאפְן, יֶענֶעם דַארְף מֶען אַרוֹיסְוַוארְפְן וְכוּ' וְכוּ' - הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס גֶע'פַּסְקְ'נְט, אוּן אַזוֹי קוּמֶען דִי גְזֵירוֹת.

זוּךְ אוֹיף צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִישְׁט טָאג אוּן נַאכְט פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן גֶעדֶענְק דֶעם כְּלַל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז: 'דֶער וָואס בְּרֶענְגְט פָּאסְט פוּן יֶענֶעם - דֶער טְרָאגְט צוּרִיק צוּ יֶענֶעם'; דָאס הֵייסְט, דֶער וָואס קוּמְט דִיר דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַנְדֶערֶע - דֶער בַּארֶעדְט דִיךְ פַאר אַנְדֶערֶע; דָאס אִיז קְלָאר.

יֶעצְט קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ חוֹדֶשׁ צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין; ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע אוּן וָואס קוּקְט גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶועט מֶען אוֹיף אִים אוֹיךְ קוּקְן מִיט רַחְמָנוּת, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִי לֶעצְטֶע הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ בַּאדַאנְקֶען, אוּן אוֹיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - פַארְן הֶעלְפְן קָאמְפֵּיינֶען. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ווִי אַלֶע הָאבְּן גֶעהָאלְפְן בְּרֶענְגֶען צְדָקָה פַאר דִי קְהִילָה אוּן מוֹסָד, מֶען הָאט דִי יָאר גֶעשְׁפִּירְט ווִי אַלֶע מֵיינֶען עֶס פֶערְזֶענְלִיךְ, מֶען טוּט נִישְׁט אַבִּי יוֹצֵא צוּ זַיין, מֶען זֶעט אוֹיף דִי סְכוּם וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט, קָרוֹב צוּ אַ מִילְיָאן מִיט אַ הַאלְבּ; אוּן דָאס מֶערְסְטֶע פוּן דִי סְכוּם אִיז פוּן קְלֵיינֶע נְדָבוֹת, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּאצָאלְט דִי וֶועם אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן, אוּן אִיךְ בֶּענְטְשׁ דִיךְ מִיט הַצְלָחָה, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן

וֶועם דו הָאסְט גֶערוּפְן בֶּעטְן נְדָבוֹת פַאר דִי מוֹסָד, און אוֹיךְ דִי אַלֶע שׁוּלְן און קָאנְטְרִיס וואו דו בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט - דָאס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען בַּיים יוֹם הַדִין, און אוֹיךְ וֶוען מִיר וֶועלְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מֶען וֶועט אוּנְז מִשְׁפָּטְ'ן וֶועט דָאס דִיר הֶעלְפְן.

מֶען דַארְף שׁוֹין מַאכְן דִי לֶעצְטֶע הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין דו זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דַיינֶע מְנִיעוֹת, מְנִיעוֹת הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער, שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער אוֹיף דִי מְנִיעוֹת, און אֲפִילוּ דֶער צַדִיק אַלֵיינְס וֶועט דִיךְ פַארְטְרַייבְּן - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רַב - רֶבִּי אַהֲרֹן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס עֶר זָאל טוּן וֶועגְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז דִי רָאשֵׁי קְהִילָה זָאגְן אִים אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַוֶועקְפָארְן, עֶר טָאר זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן וְכוּ', און אַז עֶר קֶען פַארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה אוֹיבּ עֶר וֶועט אַוֶועק פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען, און אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק? אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי זָאל נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) און מִיךְ אַוֶועק טְרַייבְּן פוּן אִים, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען".

גֵיי אַבִּיסְל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים דַיין הַארְץ, דֶערְצֵייל אִים דַיין וֵוייטָאג; וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה און תִּיקוּן הַמַעֲשִׂים,

אַלֶע זָאגְן יוֹם כִּיפּוּר קָטָן און מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן.

די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מִיר אַלֶע דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן אִיז זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע, און נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט מַחְלוֹקֶת. וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אוֹיבּ הָאט מֶען פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד און מֶען טוּט עֲבוֹדוֹת וְכוּ' - לַאכְט מֶען אִין הִימְל פוּן דֶעם אִיד, מֶען זָאגְט: 'עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען די פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הַארְץ', וַוייל וָואס הָאט מֶען פוּן די עֲבוֹדוֹת וְכוּ' וֶוען מֶען הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד? און מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַלֶע יָארְן גֶע'מוּסָר'ט און גֶעזָאגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן שׁוֹפָ"ר אִיז (דְּבָרִים כט, יז): "שׁ'רֶשׁ פּ'רֶה ר'אשׁ וְ'לַעֲנָה", מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? נָאר רַשִׁ"י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שׁ'רֶשׁ פּ'רֶה ר'אשׁ וְ'לַעֲנָה? "שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"; דָאס הֵייסְט, וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר - דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִין אִים וְכוּ', עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע און טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

אַז אֵיינֶער הָאט דִיךְ מְבַזֶּה גֶעוֶועןְ, מֶען הָאט דִיךְ בַּאלֵיידִיגְט - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל און נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, און אוֹיךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיךְ - זָאלְסְטוּ דָאס מְקַבֵּל זַיין בְּאַהֲבָה, וַוייל וִויסְן זָאלְסְטוּ, אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - פַאלְן אַוֶועק די קִינְדֶער, נִישְׁטָא קֵיין עָתִיד פַאר קִינְדֶער וָואס טַאטֶע מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ; זָאלְסְט אַלֶעס טוּן אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַארְן מִיר הֶעלְפְן קַאמְפֵּיינֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען די פָאר וָואכְן די עֶרְלִיכְקֵייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט עוֹסֵק גֶעוֶועןְ אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט. אִיךְ וִויל נָאכְאַמָאל זִיצְן מִיט דִיר, אִיךְ וֶועל אָפְּשְׁמוּעֶסְן מִיט די גֶענֶערַאלְן אַ גוּטֶע צַייט וֶוען מִיר וֶועלְן קֶענֶען זִיצְן אִינְאֵיינֶעם.

די וָואךְ שַׁבָּת וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית אִין קַאנְטְרִי 'אִילָן

הַחַיִּים', דִי מִשְׁפָּחוֹת דָארְט בֶּעטְן מִיר זֵייעֶר זֵיי ווִילְן מִיט הַאלְטְן כָאטְשִׁיג אֵיין שַׁבָּת, אוּן אוֹיךְ ווֶעל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' זַיין פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא בַּיי מַיין אֵיידֶעם, מְחַזֵּק זַיין דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי גֶעגְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּלָאזְט שׁוֹין שׁוֹפָר, עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער, מֶען גֵייט אוּנְז שׁוֹין דַן זַיין. בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אַמָאל גֶעוֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל אַ מַעֲשֶׂה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן לט): "הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן ווֶען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר; שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען מַיין טָאכְטֶער אָדְל אוּן גֶעזָאגְט: 'טַאטֶע, הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן ווֶען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר'", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קמא), אוֹיף דִי ווֶערְטֶער פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ל, ו): "אֶ'ת לְ'בָבְךָ וְ'אֶת לְ'בַב", וָואס אִיז נוֹטְרִיקוֹן דִי וָוארְט "אֱלוּל"; ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר שְׁפִּירְט זַיינֶע זִינְד, עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן - ווֶערְט אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶע טוּעֶן תְּשׁוּבָה, אוּן נִישְׁט נָאר דִי קִינְדֶער טוּעֶן תְּשׁוּבָה, נָאר אוֹיךְ דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אַלֶע טוּעֶן תְּשׁוּבָה, עַיֵּין שָׁם.

בַּיים שׁוֹפָר בְּלָאזְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְדֶעקְן מִיטְן טַלִּית אוּן הָאבּ אִינְזִין דִי כַּוָּונוֹת; 'תְּקִיעָה' - "עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר" (קֹהֶלֶת ז, כט), 'שְׁבָרִים' - דוּרְךְ עֲבֵירוֹת הָאט מֶען עֶס צֶעבְּרָאכְן, וָואס אִיז דִי עֵצָה? 'תְּרוּעָה' - זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן 'תְּקִיעָה' - עֶס ווֶערְט צוּרִיק גַאנְץ.

אויךְ זָאלְסְטוּ יֶעצְט לְכָבוֹד חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, דָאס טוּט אוֹיסְוַואשְׁן דִי נְשָׁמָה אוּן עֶס טוּט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְּלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אוּן רֶבִּי נָתָן פַארְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שִׂיחָה, הָאב אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְּן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ ווֵייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוֹיב עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## צְדָקָה רַאטֶעוֶועט

"אוֹי וֵויי, מַיינֶע פְרוּכְט הָאבְּן אוֹיךְ דִי מַייז צֶעבִּיסְן... וָואס קֶענֶען מִיר טוּן? דִי מַייז עֶסְן אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע תְּבוּאָה..."

דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִיז בַּאזָארְגְט, מֶען זוּכְט אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן, דִי מַייז עֶסְן אוֹיף אַלֶע פְרוּכְט אוּן אַלֶע תְּבוּאָה.

פִּינְקְט אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק בֶּעטְן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער צַדִיק גֶעבְּט אַרוֹיס אַ גְזֵירָה פַאר דִי מַייז אַז אַלֶע זָאלְן זֵיי קוּמֶען, פְּלוּצְלוּנְג זֶעט מֶען וִוי גַאנְצֶע מַחֲנוֹת מַייז קוּמֶען צוּ גֵיין, דֶער צַדִיק פְרֶעגְט דִי מַייז: "מַייזְלֶעךְ, פַארְוָואס קוּמֶען עֶנְק צוּ דִי מֶענְטְשְׁן אִין



דִי מַייזֶן לוֹיפְן אַוֶועק...

שְׁטוּב ? פַארְוָואס מַאכְן עֶנְק דָא אַזוֹיפִיל שָׁאדְן ?״ דִי מַייז הֵייבְּן אָן פַייפְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס דִי מַייז זָאגְן, נָאר דֶער צַדִיק פַארְשְׁטֵייט דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

דֶער צַדִיק זָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן : ״דִי מַייז דֶערְצֵיילְן מִיר אַז עֶנְק גֶעבְּן נִישְׁט קַיין תְּרוּמָה אוּן נִישְׁט קַיין מַעֲשֵׂר, דֶערִיבֶּער עֶסְן זֵיי אוֹיף עֶנְקֶערֶע עֶסְן ; אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן, עֶנְק וֶועלְן אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן תְּרוּמוֹת אוּן מַעַשְׂרוֹת, עֶנְק וֶועלְן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט - וֶועלְן אַלֶע מַייזְן מֶער נִישְׁט קוּמֶען״.

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטֶעטְל הָאבְּן אַלֶע צוּגֶעזָאגְט אַז זֵיי גֵייעֶן פוּן הַיינְט גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן זֵיי גֵיין מַעֲשֵׂר'ן זֵייעֶרֶע פֵּירוֹת, אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי אַלֶע מַייזְלֶעךְ הֵייבְּן אָן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי שְׁטֶעטְל.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען טוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן גֶעבְּן צְדָקָה ; וֶוען אַ צְוֵוייטֶע קִינְד בֶּעט אַבִּיסְל פוּן דִי נַאשׁ אוּן מֶען גֶעבְּט - אִיז דָאס צְדָקָה, אוּן אַז מֶען טוּט צְדָקָה - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

# מהדורת פארטוגאל

## הספר הקדוש הזה נתנדב
## לזכות

מוה"ר **יוסף בן שרה רבקה** הי"ו

וזוגתו **גענענדל בת חוה רחל** תחי'

וילדיהם

**מלכה, ריזל, ישראל אברהם, יצחק צבי**

שיחיו

לרגל הולדת בנם למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון